**אפט געפרעגטע פראגעס:**

1) **וואס מיינט דאס צו זיין א פוטסטעפּס מיטגליד?**
זיין א פוטסטעפּס מיטגליד מיינט אז איר באקומט צוטריט צו אלע סערוויסעס און רעסאָרסן וואס מיר באטן אן, אריינגערעכנט: איינציגווייזע מענטעל-העלט שטיצע און פריינט-שטיצע צוזאמקונפטן, עדיוּקעישען הדרכה און סקאָלערשיפּס, קאריערע הדרכה, א קשר מיט א גרופע געניטע וואלונטירער, סאציעלע צוזאמקונפטן, און נאך. עס איז אבער נישט דא בלויז איין וועג צו זיין א מיטגליד אין פוטסטעפּס.
פוטסטעפּס מיטגלידער קלויבן זיך אויס פון אונזערע סערוויסעס ווי פון א מעניו. געוויסע מיטגלידער נעמען אנטייל אין פריינט-שטיצע צוזאמקונפטן. אנדערע באקומען עדיוּקעישען סקאָלערשיפּ. און ווידער אנדערע קלויבן זיך ביידע. געוויסע מיטגלידער קוקן ארויס מיט חשק אויף אנטיילצונעמען אין סאציעלע פארקומענישן, און ווידער אנדערע געפעלט ענדערש זיך אנצוקניפּן פארבינדונגען מיט יחידים וואס זיי טרעפן אויפ׳ן וועג.

זיך צו לערנען מער איבער וואס פוטסטעפּס קען אייך אנבאטן, קענט איר זיך מיט אונז פארבינדן דורך רופן 55-STEPS (877) (877-783-7755) אדער דורך אימעיל אויף connect@footstepsorg.org.
פאר אן ערשטן שמועס ווערט נישט געפאדערט פון אייך זיך אנצושליסן אדער צו נעמען סיי וועלכע שריטן.
ווערן א פוטסטעפּס מיטגליד קאסט נישט קיין געלט.

2) **וואספארא סארט מענטשן זענען פוטסטעפּס מיטגלידער? צי וועל איך זיך צופאסן?**
מענטשן קומען קיין פוטסטעפּס ביי פארשידענע פונקטן פון זייער רייזע. פילע שליסן זיך אן בשעת׳ן פארלאזן, אדער ביים קלערן צו פארלאזן, די חרדישע וועלט, און אנדערע האבן עס שוין פארלאזט מיט יארן פריער. פוטסטעפּס מיטגלידער קומען סיי פון חסידישע און סיי פון ישיבה׳שע קהילות, און סיי פון אשכנזישע און סיי פון ספרדישע הינטערגרונדן. פוטסטעפּס מיטגלידער האבן א פילפארביגע און ברייטע געמיש פון צילן און אינטערעסן און פארבינדן זיך איינער מיט׳ן אנדערן דורך די מיטגעטיילטע אינטערעסן און דורכלעבענישן. אלס אן ארגאניזאציע, צילן מיר צו שאפן א זיכערער ארט זיך אנצוקניפּן נייע קשרים. אונזערע מיטגלידער קומען אין כמעט יעדן עלטער — העכער 18 יאר. מיר האבן א ספעציעל געאייגנטע גרופע פאר מיטגלידער איבער 40 יאר, ווי אויך ספעציעל געאייגנטע אקטיוויטעטן פאר די קינדער פון אונזערע מיטגלידער. אויסער דעם, ווערן מיטגלידער פון יעדן עלטער (העכער 18) פריינטליך אויפגענומען.

3) **צי זענען אלע פוטסטעפּס מיטגלידער פולשטענדיג פריי/סעקולער?**
פוטסטעפּס מיטגלידער געפונען זיך איבער׳ן גאנצן רעליגיעזן ספּעקטרום. געוויסע מיטגלידער פארלאזן זייערע רעליגיעזע פראקטיצירונגען און מנהגים, און אנדערע געפונען נייע אופנים זיך צו היטן מיט׳ן אידישן מסורה לויט ווי זיי שפירן זיך מערסט באקוועם, אדער האלטן אן א קולטורעלע קשר צו יהדות. אסאך פארלאזן עס אינגאנצן און לעבן א פולשטענדיג סעקולערע לעבן. ביי פוטסטעפּס שטיצן מיר יעדן מיטגליד צו קענען טון דאס וואס שפירט זיך מערסט באקוועם — אפגעזען צי זיי האלטן זיך רעליגיעז צי נישט.

4) **וויאזוי קען איך זיך לערנען מער איבער פוטסטעפּס? וויאזוי זעט עס אויס צו ווערן א מיטגליד אויב בין איך אינטערעסירט? וואס איז אויב איך וויל נאר באקומען מער אינפארמאציע?**
אין אלגעמיין זענען דא אסאך וואס זענען נייגעריג איבער פוטסטעפּס און וואס פוטסטעפּס קען טון פאר זיי. אסאך [רופן אונז](#) כדי זיך צו לערנען מער איבער אלץ וואס פוטסטעפּס טוט אנבאטן און נאך א געשפרעך זענען זיי מחליט צו ווערן א מיטגליד. אנדערע רעדן מיט אונזער שטאב מיטגלידער, ווערן געוואויער מער, און זענען מחליט זיך נישט אנצושליסן. געוויסע רופן עטליכע מאל בעפאר׳ן מחליט זיין

איבער ווייטערדיגע טריט. איר זענט אין קאנטראל אויף יעדן טריט און שריט. זעט אונזער **לוח** פאר קומענדע צוזאמקונפטן וואס זענען אפן פאר נישט-מיטגלידער.

א שמועס מיט אונזערע שטאב מיטגלידער מיינט נישט אז איר זענט אויטאמאטיש מסכים זיך אנצושליסן אדער אז איר זענט מחליט עטוואס צו טון. אין דעם ערשטן שמועס וועלן מיר מיטיילן די סארטן סערוויסעס וואס מיר באטן אן ביי פוטסטעפס, און איר קענט פרעגן סיי וועלכע פראגעס איר ווילט. מיר האבן א שטרענגע פּאָליסי איבער קאנפידענציעליטעט און פריוואטקייט. אלץ וואס איר זאגט ווערט געהאלטן גענצליך פריוואט.

5) **צי דארף איך צאלן אויף אנטיילצונעמען?**
אויב איר זענט מחליט זיך אנצושליסן אלס מיטגליד איז נישט דא קיין שום קאסט. די איבערוויגנדער מערהייט פון וואס פוטסטעפס טוט אנבאטן איז בחינם.

6) **וואס געשענט אויב איך פארלאז יא מיין קאמיוניטי? צי האט איר ביישפילן פון אנדערע וואס האבן פארלאזט זייער פריערדיגן לעבנסשטייגער און זענען היינט מצליח?**
מיר ווייסן ווי שווער עס קען זיי, צו האבן געקלערט אז אייער לעבן וועט גיין אויף איין מהלך, מיט א קלארן ריכטונג-גאנג, און פלוצלינג זען פאר זיך א ברייט-אפענעם וועג וואו אלץ זעט אויס אינגאנצן ניי און פרעמד. אדער קען זיין איר זוכט בלויז צו מאכן נאר געוויסע שינויים אין אייער לעבנסשטייגער, אבער נישט זיך טוישן אינגאנצן — פוטסטעפס שטייט גרייט אייך צו שטיצן אפגעזען וואס איר זענט מחליט צו טון ווייטער. אונזערע פריינטשאפט-שטיצע גרופעס און סאציעלע צוזאמקונפטן זענען גאר א גוטן אופן זיך צו טרעפן מיט אנדערע וואס זענען שוין אריבער אדער גייען יעצט אריבער ענליכע דורכלעבענישן, און איר קענט פון זיי באקומען שטיצע אויב זענט איר אינטערעסירט. איר אליין האלט דעם שליסל. איר אליין זענט אחראי אויף מחליט צו זיין וויאזוי איר ווילט לעבן אייער לעבן. מיר האבן א צאל **דערציילונגען פון מיטגלידער** מיט פארשידענע דורכלעבענישן וואס איר קענט לייענען, אבער סוף כל סוף זעט יעדן׳ס רייזע אויס אנדערש.

7) **צי קען איך ווערן א מיטגליט אויב איך האב שוין לאנג צוריק פארלאזט די חרדישע וועלט?**
יא! פוטסטעפס סערווירט יעדן איינעם העכער 18 יאר אלט, אפגעזען ווען זיי האבן פארלאזט זייער פריערדיגן לעבנסשטייגער.

8) **צי סערווירט איר מענטשן אונטער 18?**
אויב איר זענט אונטער 18, קענט איר זיך מיט אונז פארבינדן, אבער איר קענט נישט ווערן א פוטסטעפס מיטגליד. איר קענט אויך נאכקוקן ביי **דע דאָר׳ (The Door)**, א יוגנט ארגאניזאציע וואס סערווירט מענטשן אונטער 24 יאר.

9) **צי רעדט איר אידיש?**
כאטש פוטסטעפס האט נישט קיין באשטימטער שטאב מיטגליד איבערצוטייטשן פון ענגליש אויף אידיש האבן מיר **דא** א קאפיע פון די אפט געפרעגטע פראגעס אויף אידיש. די היים בלאט איז אויך איבערגעטייטשט **דא**. פוטסטעפס טוט אויך פארבינדן מיטגלידער וואס ווילן זיך אויסלערנען ענגליש מיט ספעציעלע וואלונטירן. ביטע רופט (877-783-7755) אדער שיקט אן אימעיל צו **connect@footstepsorg.org** פאר מער אינפארמאציע איבער אונזערע וואלונטיר סערוויסעס אדער זיך אנצושליסן אלץ א מיטגליד.

**10) איך בין נישט גרייט זיך אנצושליסן. צי האט איר אנדערע לינקס אדער רעסארסן?**
זיכער. איר קענט א קוק טון דא אויף **וואס מיר שטעלן צו** אויב ווילט איר זיך לערנען מער אבער איר זענט נישט גרייט צו רעדן צו אונזערע שטאב מיטגלידער, אדער קוקט נאך די פאלגנדע **רעסארסן** צו טרעפן אנדערע קוועלער פון שטיצע בשעת איר נעמט אין באטראכט אייערע ווייטערדיגע טריט.

**11) וואס איז אויב איך בין נישט אינעם ניו יארקער געגנט?**
פילע פוטסטעפס פראגראמען און סערוויסעס זענען צו באקומען איבער׳ן גאנצן לאנד — אריינגערעכנט אונזערע עדיוּקעישען סקאָלערשיפס, ווירטועלע פראגראמען, אדער צו באקומען קאריערע אדער עדיוּקעישען הדרכה. פאר מענטאל-העלט שטיצע קענען די פון אויסער ניו יארק גערן אנטיילנעמען אין אונזערע ווירטועלע פריינט-שטיצע צוזאמקונפטן און ׳דראָפּ-אין׳ גרופעס.

**12) צי סערווירט איר בלויז מענטשן פון חרדישע אידישע קהילות?**
כאטש מיר ארבעטן הויפטזעכליך מיט מענטשן פון חרדישע אידישע קהילות, קענען אזעלכע פון אנדערע פארמאכטע רעליגיעזע געמיינשאפטן זיך אנשליסן אין ׳אינטערפעיטלעס׳ (Interfaithless), א פריינט-שטיצע גרופע וואס איז פאראן פאר די וועלכע נאוויגירן דאס לעבן אויסער זייערע ארגינעלע געמיינשאפטן.

**13) צי העלפט פוטסטעפס מיט האָוזינג?**
ליידער האט נישט פוטסטעפס יעצט די יכולת צוצושטעלן האָוזינג פאר אונזערע מיטגלידער, אבער מיר קענען אייך שטיצן מיט רעסארסן און הדרכה בשעת איר גייט אדורך דעם פראצעס, און מיר קענען אויך אנבאטן אן אומאפיציעלן נעטווארק פון אנדערע מיטגלידער וועלכע קענען מעגליך שטיין צו הילף דורך מיטטיילן זייערע אייגענע ערפארונגען אדער אנדערע בייהילפיגע אינפארמאציע.

**פאלשקייטן און פאקטן:**

1) **פאלש:** פוטסטעפס זוכט אפצורייסן מענטשן פון רעליגיע.
**פאקט:** פוטסטעפס שטיצט זעלבסשטענדיגקייט און מאכן אייגענע החלטות. מיר זוכן נישט אויס קיין יחידים זיי אנצושליסן אין פוטסטעפס, אבער מיר שטייען גרייט צו שטיצן די וועלכע פארבינדן זיך מיט אונז. ביי אונזערע צוזאמקונפטן האבן מיר סיי נישט-כשר׳ע און סיי כשר׳ע עסנווארג פאר די וועלכע ווילן זיך אליין אויסקלויבן. כאטש פילע פוטסטעפס מיטגלידער האלטן זיך מער נישט רעליגיעז, האבן מיר דאך מיטגלידער וואס האלטן נאך יא אן געוויסע פרטים פון טראדיציע, אדער אזעלכע וואס שאפן זיך נייע און אייגענע רעליגיעזע פירונגען. פילע פון אונזערע מיטגלידער ראנגלען זיך נאך מיט רעליגיע און אויף וואספארא ראלע עס זאל שפילן אין זייערע לעבנס, און זיי ארבעטן עס אויס בשעת זיי גייען זיך אויף זייער אייגענעם דרך.

2) **פאלש:** צי זיין א פוטסטעפס מיטגליד דארפט איר אויספאלגן אסאך תקנות און טון פארשידענע זאכן כדי אנטיילצונעמען.
**פאקט:** ביי פוטסטעפס איז עס גענצליך יעדן מיטגליד׳ס אייגענע החלטה וויאזוי זיי ווילן אנטיילנעמען. פוטסטעפס באט אן פארשידנארטיגע סערוויסעס, אריינגערעכנט — אבער נישט אויסשליסליך — איינציגווייזע מענטאל-העלט קאָונסלינג און פריינט-שטיצע צוזאמקונפטן, עדיוּקעישען און ארבעט-שטודירונג סקאָלערשיפס, סאציעלע צוזאמקונפטן, און לעגאלע שטיצע, און עס איז יעדן׳ס איינציגווייזע החלטה וויאזוי זיי ווילן אנטיילנעמען. ביי פוטסטעפס פירט איר דעם וועג און מיר פאלגן נאך, און איר קענט זיך אויסקלויבן וועלכע ווייטערדיגע שריטן צו נעמען לויט ווי עס געפעלט אייך אמבעסטן.

3) **פאלש:** אלע פוטסטעפּס מיטגלידער זענען אנטי-יהדות.
**פאקט:** פוטסטעפּס מיטגלידער האבן פארשידענע סארטן קשרים מיט רעליגיע. געוויסע האבן עס פארלאזט אינגאנצן און ווילן לעבן פולשטענדיג סעקולערע לעבנסשטייגערס. אנדערע ארבעטן נאך אויס וויאזוי באקוועמערהייט איינצוגלידערן אידישע פירונגען און מנהגים אין זייערע לעבנס אויף א נייעם אופן. און אנדערע גאר היטן נאך פארשידענע הינזיכטן פון רעליגיע. יעדער איינער האט רשות צו עקספּלארירן דאס וואס ארבעט פאר זיי אמבעסטן אין זייערע לעבנס. עס זענען דא אזעלכע וואס זוכן צו פראצעסירן זייערע דורכלעבענישן, און אנדערע זענען מער אינטערעסירט צו גיין אויף פאראויס און נישט צופיל ארייננקלערן דערין.

4) **פאלש:** אויף זיך אנצושליסן אין פוטסטעפּס דארף איך וויסן אויף זיכער אז איך וויל פארלאזן מיין חרד׳ישן לעבן, און איך דארף זיין גרייט דערפאר.
**פאקט:** ביי פוטסטעפּס ווייסן מיר ווי שווער עס קען זיין בלויז צו נעמען אין באטראכט צו פארלאזן דעם לעבנסשטייגער און עדה אין וועלכע איר זענט ערצויגן — זיך צו שפירן אומבאקוועם, אדער אז עפעס שטימט נישט פאר אייך. פוטסטעפּס שטעלט צו א זיכערע, קאנפידענציעלע סביבה אויף דורכצורעדן אייער מצב און די מעגליכע תוצאות וואס איר קענט ערווארטן — צי איר זענט מחליט צו בלייבן אין אייער פריערדיגן לעבן אדער עס צו פארלאזן. איר דארפט נישט פארלאזן אייער לעבנסשטייגער אויף זיך אנצושליסן אין פוטסטעפּס. מיר קענען צושטעלן א סימפּאטישע אויער אויסצוהערן די שוועריגקייטן וואס איר לעבט דורך און אייך שטיצן בשעת איר ארבעט אליין אויס דאס וואס איז פאר אייך אמבעסטן. אונזער מאנשאפט שטעלט צו שטיצע און רעסארסן און אין דער זעלבער צייט קענען אונזערע מיטגלידער אייך געבן עצות און פארשטאנד איבער דעם טראנזיציע פראצעס פון זייערע אייגענע ערפארונגען.

5) **פאלש:** רופן פוטסטעפּס מאכט אייך אויטאמאטיש א מיטגליד.
**פאקט:** דער ערשטער טעלעפאן קאָל וואס איר מאכט איז בלויז דאס — נאר א טעלעפאן קאָל — א קורצער שמועס אין וועלכן איר קענט מיטטיילן דאס וואס איר מאכט מיט און מיר קענען זיך מיט אייך דורכרעדן איבער וואספארא סארטן שטיצע מיר קענען אייך אנבאטן אויף בייהילפיג צו זיין. אונזערע שטאב מיטגלידער וועלן אייך אויסהערן און געבן שטיצע און סיי וואספארא ענטפערס אויף אייערע פראגעס. דאס אנרופן פוטסטעפּס איז א צוזאמארבעטשאפט. אונזערע שטאב מיטגלידער פאלגן אייך נאך בשעת איר פירט דעם וועג, און אויב האט איר נישט קיין אינטערעסע אין ווערן א מיטגליד, איז ווייטער אלץ פיין און וואויל. איר קענט נעמען וויפיל צייט איר ווילט, און זיך נאכאמאל פארבינדן מיט אונז אויב ענדערט זיך עפעס.